# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʿa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

א.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

## א

פון וואנען רבי מאיר שטאמט , ווער זיינע עלטערן זיינען געוועזן ווייסט מען ניט , מען זאגט אז ער קומט ארויס פון די אור־אייניקליך פון נירון קיסר וואס האט פארלאזן זיינע געטצענ־בילדער , ער איז געוועזן אהיידע אונ אין די צייט פון חורבן בית שני איז ער געווארען איוד .

רבי מאיר'ס עלטערן האבען געוואוינט אין קליין אזיע , זיא זיינען געוועזן גרויסע ארעמע לייט , פון דעסט וועגין האבען זיא איהם געלאזט לערנען תורה אונ חכמה , אונ רבי מאיר האט געהאט גרויסע פייאיגקייטען צום לערנען , ער האט איבער געשטיגען אין לערנען אלע זיינע חברים , ווער עס האט איהם איין מאל געזעהען אונ גערעדט מיט איהם , האט ער איהם באלד ליב געהאט , ווייל ער איז געוועזן הויך געוואקסען אונ זיין גרויסע חכמה האט געשיינט אויף זיין געזיכט , דער צו האט ער געהאט פיל מעלות אונ גוטע זיטען . ער האט פיינד געהאט אלע קינדערשע פערגעניגען , ער האט נור ליב געהאט צו לערנען תורה אונ חכמה , ער האט בעקומען אנוטען נאמען , אלע האבען איהם גערופען דער וואונדער קינד , אלע האבען זיך געוואונשען צוא האבען אזעלכע קינדער וויא ער איז .

אז רבי מאיר איז עלטער געווארען איז ער געגאנגען אין ארץ ישראל כדי ער זאל קענען לערנען אין דער בעריהמטע גרויסע ישיבה פון רבי עקיבא ,

אין אקורצע צייט איז ער אין דער ישיבה געווארען דער בעסטער תלמיד , זיין רבי האט איהם זייער ליב געהאט , אונ האט איהם גיגעבען דעם טיטול רבי מאיר .

רבי מאיר האט זיך ערנערט פון זיין שרייבען די הייליגע

(ר״מ בעל הנס) ספרים

ספרים, ער פלעגט אליין מאכען טינט, אין דיא טינט פלעגט ער אריינגיסען שוועבעל זאלץ, זיינען דיא בוכשטאבען געוועזען קלאהר און גלאנציג:

## ב.

רבי מאיר האט געהייראט מיט רבי חנינא בן תרדיון'ס טאכטער, איהר נאמען איז געווען ברוריה, זיא איז געווען אגרויסע חכמה, לערנען האט זיא געקאנט וויא איינער פון דיא חכמים, זיא האט געהאט אגוטען בערוף:

רבי מאיר איז געווען אגרויסער בעל בטחון און דער צוא אגרויסער בעל צדקה, ער פלעגט פארדינען דרייא שקלים (אזא פארצייטיגע מטבע) אוואך, פלעגט ער דער פון איין שקל אויס געבען אויף שפייז פאר זיך און פאר זיין פאמיליע, איין שקל אויף קליידער און דעם דריטען שקל פלעגט ער צו טהיילען דיא ארעמע תלמידי חכמים, און אזוי האט ער אלע מאהל געטאהן.

זיין רבי האט איהם אזוי שטארק נישעצט און געעהרט אז ער פלעגט זאגען זיינע תלמידים דאס זייא זאלען זיך לערנען פון רבי מאיר'ן צוא גלויבען אין גאט, רבי עקיבא האט זיינע תלמידים ערציילט אזא מעשה: אמאל בין איך געגאנגען אויף איין שיף, מיר זיינען צריין ווייט אין ים האב איך דער זעהען וויא אקליינע שיפעל איז צובראכען געווארען אויף דעם שטורעמדיגען ים, איך האב זייער געטרויערט ווייל איך האב געוואוסט דאס אין יענע שיפפעל איז געווען מיין תלמיד רבי מאיר, נאכדעם אז איך בין געקומען אהיים, בין איך אוועק געגאנגען אין בית המדרש, איך זעה דאס רבי מאיר איז דא, איך האב מיך זייער ערפרייט מיט איהם און איך האב איהם געפרעגט: זאג מיר מיין קינד ווער האט דיך געראטעוועט פון טויט? ער האט מיר גאנץ רוהיג געענטפערט, גלייך וויא מיין

(ר"מ בעל הנס)

שיפעל